בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת בהעלותך תשע"ו | גליון 364 [שנה ח']

**דער כהן גדול דארף זיין א עומד**

בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת־הַנֵּרֹת: (ח' ב') שטייט אין מדרש כִּי אַתָּה תָּאִיר נֵרִי ה' אֱלֹקַי יַגִּיהַּ חָשְׁכִּי. (תהלים יח כט) א פליאה? אויך זאגט רש"י מכאן שמעלה היתה לפני המנורה שעליה הכהן עומד ומטיב. וואס איז דער ענין פון דעם מעלה אויף איז שווער דער לשון "לפני" המנורה, אויך פארוואס דארף שטיין שעליה הכהן עומד, אוודאי שטייט מען אויף א טרעפ? אויך איז שווער וואס שטייט ויעש כן אהרן מלמד שלא שינה און אלע פרעגן פארוואס וואלט מען געמיינט אז אהרן וועט יא משנה זיין? נאר באמת דער גאנצע עבודה פון כהן גדול איז געווען אויס צו לערנען דעם פאלק תורה און יראת שמים, און נישט ארבעטען אז ער זאל גיין פון מדריגה צו מדריגה. אזוי ווי עס שטייט אין גמ' (חגיגה ט"ז) אם הרב דומה למלך ה' צבאות תורה יבקשו מפיהו שנא' שפתי כהן ישמרו דעת וגו', איז מסביר דער הייליגער הפלאה אז דער כהן דארף זיין א עומד אזוי ווי א מלאך און נישט א הולך וואס גייט העכער אין דרגות, ווייל ער דארף אינזינען האבן דעם דור און נישט זיין עלייה, דאס מיינט אויב דיין רבי איז א עומד אזוי ווי א מלאך וואס זוכט דיר צו געבן זאלסטו לערנען פון אים עכ"ד, ממילא דארך דער כהן איידער ער ווערט כהן גדול ארב עטען אויף זיך און קומען צו הויכע דרגות אבער ווען ער ווערט כהן גדול אז ער א עומד, דאס זאגט רש"י מעלה די עליות פון כהן גדול היתה לפני איידער ער איז געקומען צו די מנורה ווייל דעמאלטס איז ער "עומד" און בלייבט שטיין ווי א מלאך און איז די וועגווייזער פאר כלל ישראל, וועט דאך דער כהן טענה'ן אז אין די צייט וואלט ער געקענט צו קומען צו הויכע מדריגות! דעריבער זאגט דער מדרש כי אתה תאיר נרי, דאס מיינט ארייננשיינען תורה אין די נשמה פון אידן, וועל איך ארייננשיינען אין דיר מדריגות און וועט נישט דערלייגען דורך אוועקגעבן דיין צייט פאר אידן'ס וועגן, אם אתה שומר את שלי אני אשמור את שלך, מיט דעם איז גוט שבחו של אהרן שלא שינה ער האט זיך נישט געענדערט פון זיין ביז יעצטיגע מדריגות נאר איז געבליבן א עומד כדי אויסלערנען די אידן.

**די נרות וועלט דערהייבן דעם מזל פון כלל ישראל**

בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת: (ח ב) שטייט אין מדרש הה"ד ה' חָפֵץ לְמַעַן צִדְקוֹ יַגְדִּיל תּוֹרָה וְיַאְדִּיר (ישעי' מב כא), מען קען מסביר זיין דעם פסוק לויט וואס עס שטייט אין מדרש רבה (שיר השירים ב' ד') "מהו הֵיטִיבוּ כָּל־אֲשֶׁר דִּבֵּרוּ (דברים ה' כה)? חייא בר אדא ובר קפרא, חד אמר הַטָּבָה כְּהַטָּבַת הַנֵּרֹת וחד אמר הַטָּבָה כְּהַטָּבַת הַקְּטוֹרֶת". און די גמ' (מו"ק כח.) זאגט רבא: בני חיי ומזוני לאו בזכותא תליא מילתא אלא במזלא תליא מילתא. און תוס' (שבת קנו.) ד"ה אין מזל לישראל, פרעגט תוס' א סתירה פון די גמ' אין מו"ק אז בני חיי ומזוני ווענד זיך אין מזל און דא שטייט א איד איז נישט נשפע פון א מזל? ענטפערט תוס' אז דורך א גאר גרויסע זכות קען מען באקומען א גוטע מזל עכ"ד תוס'. יעצט די גרעסטע זכות פאר א מענטש איז לימוד התורה שהיא נותנת חיים לעושיה, און אין זוהר הק' אנפאנג ויצא שרייבט אז די מעלה פון לימוד התורה איז אז עס קען טאן זאכן פאר א מענטש שלא כדרך הטבע. און ביי קטורת שטייט אין מס' יומא אז דאס מאכט רייך, פון פסוק וְכָלִיל עַל מִזְבְּחֶךָ, בָּרֵךְ ה' חֵילוֹ (דברים לג י–יא), א ברכה אויף עושר און אויך ביי הדלקת הנרות שטייט אז דטס האט אויפגעהויבן די מזל און רייך געמאכט די אידן, דאס מיינט הֵיטִיבוּ כָּל־אֲשֶׁר דִּבֵּרוּ, וואס דאס איז לימוד התורה באהבה וואס דאס ברענגט עשירות און ברכה פארן מענטש שלא כדרך הטבע און העכער פון מזל, און דאס זעלבע שפע ברענגט הַטָּבַת הַנֵּרֹת און הַטָּבָה הַטָּבַת הַקְּטוֹרֶת. און דאס איז פשט אין אונזער מדרש בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת, וואס די נרות וועלן דיר מעלה זיין העכער פון מזל הה"ד ה' חָפֵץ אזוי ווי תּוֹרָה, יַגְדִּיל וְיַאְדִּיר שלא כדרך הטבע. (תנופה לחיים ר' חיים פאלאג'י)

**נרות און תקיעת שופר**

בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת הַנֵּרֹת: (ח ב) שטייט אין מדרש הה"ד אַשְׁרֵי הָעָם יוֹדְעֵי תְרוּעָה (תהלים פט טז). לכאורה וואס איז די שייכות פון בהעלותך את הנרות צו שופר תרועה? נאר עס שטייט אין מדרש רבה (שיר השירים ב' ד') "מהו הֵיטִיבוּ כָּל־אֲשֶׁר דִּבֵּרוּ (דברים ה' כה)? חייא בר אדא ובר קפרא, חד אמר הַטָּבָה כְּהַטָּבַת הַנֵּרֹת וחד אמר הַטָּבָה כְּהַטָּבַת הַקְּטוֹרֶת", שטייט אין זוהר הק' אז די נרות פון די מנורה האט געהאט דעם זעלבן כח ווי תקיעת שופר אין ר"ה, אזביידע האבן ממתיק געווען דינים און האט מעורר רחמים געווען, נאך שרייבט דער זוהר הק' אז דורך קבלת התורה וואס די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע איז איבער געדרייט געווארן די מדת הדין צו מדת הרחמים, און דאס זעלבע געשענט יעדן טאג פון הקטרת הקטורת עיין זוהר הק' פ' תצוה, קומט אויס אז סיי קטורת סיי די נרות און סיי תקיעת שופר האבן דעם זעלבן ציל צו מעורר זיין רחמים, ממילא איז גוט די מדרש בהלותך וואס איז מקשר צו אשרי העם יודעי תרועה וואס ביידע זענען מעורר רחמים און מבטל דינים, און דאס איז די מחלוקת אין מדרש אויפן פסוק היטיבו וואס די הטבה איז געווען המתקת הדינים איז די מחלוקת צו דאס מיינט הטבת הנרות אדער הטבת הקטרת, און אלע זאכן אויס גערעכענט ברענגען ארויס די מדת הרחמים. (תנופה לחיים ר' חיים פאלאג'י)

**סמיכות בכל ביתי און פה אל פה אדבר בו**

לֹא־כֵן עַבְדִּי מֹשֶׁה בְּכָל־בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא.. פֶּה אֶל־פֶּה אֲדַבֶּר־בּוֹ: (י"ב ז–ח) צו פארשטיין די סמיכות פון בְּכָל־בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא צו פֶּה אֶל־פֶּה אֲדַבֶּר־בּוֹ? די גמרא (יומא ט:) ברענגט: א מענטש וואס מען האט געזען רעדן מיט ריש לקיש אין שוק –גאס– האט מען מיט אים געמאכט א געשעפט אן עדות, ווייל ווען דער מענטש וואלט נישט געווען עהרליך וואלט ריש לקיש נישט גערעדט מיט אים. איז ק"ו אויב דער אויבערשטער רעדט מיט א מענטש איז ער א איש נאמן און א עהרליכער, דאס מיינט דער פסוק בְּכָל־בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא: און די ראי' איז, ווייל פֶּה אֶל־פֶּה אֲדַבֶּר־בּוֹ. דאס איז די סמיכת הפסוקים. מיט דעם איז גוט די פסוק (שמות י"ט ט') בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ וְגַם־בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם: מיט דעם וואס עס איז בְּדַבְּרִי עִמָּךְ. וועט זיין בַּעֲבוּר יִשְׁמַע הָעָם און בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם ווייל דו ביזט א איש נאמן וועט מען דיר הערן. (לקוטי מהר"ם)

וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה:(יב ג) צו פארשטיין ווי אזוי האט משה רבינו געקענט טראכטן אז ער איז דער נידעריגסטער מענטש אויף דער וועלט בשעת ער האט איבערגעגעבן די תורה פאר כלל ישראל און דער אויבערשטער האט אים באוויזן דור דור ודורשיו ביז משיח? איז מסביר דער תפארת יוסף, הרה"ג ר' יוסף פרעסבורגער זצ"ל ראב"ד מאטטערסדארף, אז עס שטייט וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה מיט א אלף זעירא, וואס דאס איז א לשון וִיקָר, עס האט זיך געטראפן, דאס איז געווען די דעת פון משה, ויקר, אז זיין ווערן אויסגעקליבן איז געווען דורך א גורל פון אלע אידן, און דאס מיינט ער איז געווען דער גרעסטער עניו ווייל זיין שליחות איז דורך א גורל אבער נישט אלץ זיינע מדריגות. (בית ישראל השלם, מוה"ז אדמו"ר ממאטטערסדארף)

# מדור העובדות

## דער שינאווא רב זצוק"ל באווייזט א וואונדערליכע מופת כדי צו ראטאווען א פרנסה פאר זיין חסיד

אין דעם דארף פְלָאוִוינְקָע לעבן **בָאבוב** האט געוואוינט הר' ישעי' **פלאנטער**, א נגיד, א חסיד פון הייליגן **שינאווא רב**, הרה"ק ר' **יחזקאל שרגא** זון פון הייליגן **דברי חיים מצאנז**, ער האט געהאנדלט מיט פעלדער און הייזער און איז אויך געווען א מעקלער פארן פריץ **דאָבְרָאָוְוסְקִי** פון **סיפלָאוִוינְקָע**. ער האט געארבעט זייער געטריי פארן פריץ וועלכער האט אים שטארק מכבד געווען און דער פריץ מיט זיין פרוי האבן געשעצט די קלוגשאפט פון ר' ישעי' און זיך דורכגערעדט זייערע וויכטיגע זאכן.

עס זענען אדורכגעלאפן יארן און דער פריץ איז געשטארבן און זיין פארמעגן איז אריבער צו זיין זוהן און ער האט אויך זייער שטארק מכבד געווען פאר ר' ישעי'. איין טאג האט ר' ישעי' דערהאלטען א בריוו פון הייליגן שינאווא רב וואס שרייבט וועגן א איד וואס האט געהאט געדונגען א שענק אין א דארף נעבן יעריסלוב פון דעם דארטיגן פריץ **זָאבִיטְקָא**. און יעצט וויל דער פריץ פארדינגען דעם שענק פאר א גוי און דער רב האט אויסגעלאזט דעם בריוו איך בעט דיר דו זאלסט ארויסהעלפן דער איד פון א צרה און וועסט באקומען א טובה אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

ר' ישעי' האט זיך געוואונדערט און ער האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי וויל, און ווי אזוי וועט ער קענען העלפן בשעת יעריסלוב איז זייער ווייט פון **פְלָאוִוינְקָע** און ער האט קיינמאל נישט געהערט פון פריץ **זָאבִיטְקָא**! ער זעהט נישט קיין וועג ווי אזוי ער קען א טובה טאן פאר יענעם איד. איז ער געגאנגען מיטן בריוו צום באבובער רב זצ"ל און ער האט איהם געפרעגט וואס צו טאהן? זאגט איהם דער רב אז דער פריץ **דאָבְרָאָוְוסְקִי** איז דאך דיין פריינד, גיי צו אים און פרעג אים צו ער קען דעם פריץ **זָאבִיטְקָא**, און אויב ער קען עפעס ארויסהעלפן מיט דעם ענין. ר' ישעי' האט געדאנקט דעם רב און איז גלייך געגאנגען צום הויז פון פריץ **דאָבְרָאָוְוסְקִי** און אזוי ווי ער איז געווען א מקורב ביים פריץ אין שטוב האט ער געקענט אריינגיין ווען ער האט געוואלט און אויך דורך די זייטיגע טויערן, און ר' ישעי' איז אריין אין קאך און דערזעט די אלטע מאמע פון פריץ און זי האט זיך זייער געפריידט אים צו זעהן און זי האט געזאגט איך פריי זיך אז דו ביזט געקומען ווייל איך האב געוואלט שיקן א וואגן דיר צו ברענגען ווייל איך דארף דיין הילף, און יעצט ביזטו אליין געקומען!

זי האט דערציילט אז איר זון דער פריץ האט מיט א קורצע צייט צוריק געקויפט א גרויסער פארמעגן פון פעלדער אין א דארף לעבן יעריסלוב פון דעם פריץ **זָאבִיטְקָא**, וואס ער איז זייער נאנט צו מיין זון, אבער יעצט האט זיך געמאכט א ריס צווישן זיי ווייל מיין זון האט זיך דערוואוסט אז די פעלדער זענען זייער שוואך ווייל עס פליסט אדורך דעם אסאך וואסער און מען קען גארנישט טאן מיט די האלץ ווייל זיי זענען פייכט. האט מיין זון געשיקט רופן דעם פריץ **זָאבִיטְקָא**, און האט איהם אנגעשריגן פארוואס ער האט איהם אריינגענארט מיט א פאלשע געשעפט און ער ציט צוריק פון די געשעפט, אזוי ווי דער פריץ **זָאבִיטְקָא** האט דאס געהערט, האט ער זיך אויפגערעגט און גענומען אויסרעכענען די אלע געשעפטן וואס מיין זוהן האט איהם פארקויפט וואס זענען נישט געווען ווערד און ער האט נישט צוריק געצויגן פון מקח!

מיין זון האט אבער נישט נאכגעגעבן און דער פריץ **זָאבִיטְקָא** האט איהם געווארענט אז ער וועט גיין אין געריכט און איהם מסר'ן! האט זיך אויסגעבראכן א קריגעריי צווישן זיי, און איך האב מורא אז אויב זיי וועלן גיין אין געריכט אדער זיך שלאגן וועט דאס ברענגען א שאנדע און א שלעכטע נאמען אין גאס, דעריבער האט איך פארגעזעצט אז מען וועט דיר רופן פרעגן וואס מען זאל טאן, און זיי האבן מסכים געווען דיר צו פאלגן און יעצט ביזטו אליין געקומען קען מען שוין זען צו מאכן שלום דָא! ר' ישעי' האט שוין געזען די השגחה פרטית און רוח הקודש פון די צוויי צדיקים און איז נשתומם געווארן אז ער וועט זיך קענען אליין טרעפן מיטן פריץ **זָאבִיטְקָא** און נישט דארפן פארן צו אים. ער האט צוגעזאגט ער וועט טאן אלעס וואס ער קען!

ער האט מורא געהאט זיך אריינצומישן ביי א מחלוקת פון פריצים ווייל זיי קענען נאך נקמה נעמען אין אים, אבער זיין אמונה אין צדיקים האט אים געשטארקט און האט מסכים געווען. די מאמע איז באלד אריינגעגאנגען צו איר זון און האט געזאגט אז די ישועה איז געקומען ווייל ישעי' **פלאנטער** איז דא, און ער וועט הערן אייערע טענות און ער וועט ארויסגעבן א פסק ווער האט רעכט. די צוויי פריצים האבן אין אמת'ן ביי זיך אין הארצן געוואלט שלום מאכן ווייל זיי האבן נישט געוואלט אז די רעגירונג זאל זיך דערוויסן די עוולות ווייל זיין ביטער פארביידן, אזוי ווי זיי האבן געהערט אז עס איז דא א וועג ארויס פון פלאנטער, האבן זיי ביידע מסכים געווען צוצוהערן צו די רייד פון ר' ישעי'. ר' ישעי' איז אריינגעגאנגען צו זיי און ער האט זיי ערקלערט אז ער וויל דן זיין מיטן אמת לויט זיין מיינונג און דעריבער בעט ער אז דער וואס איך וועל טרעפן שולדיג זאל נישט האבן קיין תרעומות אויף מיר ווייל גערעכטיגקייט איז בעסער פון אלעס. האבן זיי ביידע מסכים געווען און ר' ישעי' האט אויסגעהערט ביידע זייטן און האט געזאגט אז דער סכסוך איז זייער א אינטרעסאנטע און ער מוז זיך גוט מתבונן אין דעם ענין.

דערוויל איז ר' ישעי' ארויס פון צימער און נאך א לענגערע צייט איז ער אריין צו זיי און געזאגט ער האט שוין א פסק און אלע זענען שטיל געווארן. און ר' ישעי' זאגט אז באמת איז דער פריץ **זָאבִיטְקָא** אין דער פרט נישט גערעכט ביי דעם געשעפט אבער דער פריץ **דאָבְרָאָוְוסְקִי** איז נישט גערכט אין די אנדערע געשעפטן ממילא האלט איך אז מען זאל מאכן א פשרה, און ער האט געגעבן א פסק דין וואס האט זיי שטארק צופרידנגעשטעלט, און זיי האבן געמאכט שלום צווישן זיך.

האבן די פריצים אים געפרעגט וויפיל געלט זאלן מיר געבן פאר דעם פסק דין? האט געענטפערט ר' ישעי' אז ער נעמט נישט קיין געלט פאר געבן א פסק ווייל איך בין נישט קיין שופט וואס טוט זיך באשעפטיגן מיט אויסגלייכן זאכן צווישן מענטשן, אבער איין זאך וויל איך בעטן פון די הויך געשעצטע פריץ **זָאבִיטְקָא** אז ביי אייך וואוינט מיינעם א קרוב וואס ווי איך הער ווילט איר אוועק געבן דעם שענק פאר א צווייטן, בעט איך אז איר זאלט דאס לאזן ביי אים. דער פריץ **זָאבִיטְקָא** האט זיך אנטשולדיג און געזאגט אז ער איז מסכים דאס צו טאן. דער רצון פון צדיק איז מקויים געווארן. ווען ר' ישעי' איז נפטר געווארן האט ער איבערגעלאזט צוואה אז מען זאל איהם באגראבן מיטן בריוו פון **שינאווא רב**!

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד- צו פארקויפן -*

*סידור של"ה דפוס ראשון מיט הגהות און באלאנגט צום דעת שלום משאץ לונדון $50000, סידור קול יעקב סלאוויטא הגהות און באלאנגט צו הרה"ק ר' בצלאל מרגליות געווען ביים בעש"ט $45000 א זעלטענע שיינע סעט פון חומש היכל הברכה קאמארנא ערשטע דרוק מיט הונדערטער הגהות פון הרה"ג ר' יצחק יוסף חזן פון לאסק אויף רש"י און משכיל לדוד מען קען מאכן א ספר פון די הגהות $13000, סידור תורה אור חב"ד געדרוקט אין שנגהאי תש"ו זייער זעלטן $2000, ספר יעקב וישראל מיט פול הגהות בכת"י $700, ספר עסים רימונים מיט צוויי חתימות השרף מטאש 10000 $*
א תעודה וואס האט א חתימה פון הרה"צ מטאש זצוק"ל, צוויי ספרים עבודת הקודש און שו"ת מהרש"ל מיט די חתימות פון הרה"ק ר' פייש דער שרף דער ערשטער טאש רבי, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, תהלים אמרות טהורות דפוס זיטאמיר, תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר, תהלים ע"ט דפוס זיטאמיר, הרבה ספרים מישיבה תת"ל ליובאוויטש ומישיבת מיר שנדפסו בשנגהאי. הרבה ספרי חב"ד שנדפסו לפני המלחמה, ספר כתר תורה על מצוות עם הרבה חתימת פון הרה"ק ר' יעקב חיים סאפרין מקאמארנא אויך דריי גמרות פול מיט הגהות פון אים, ספר שארית ישראל ווילעדניק דפוס ראשון א סגולה אויף שמירה, תהלים בן ביתי סגולה פאר גוטע קינדער און לכל דבר $1500. **גרויסע תהלים מיט מעמדות דפוס זיטאמיר $7000**, א בריוו פון ר' אהרן וואלקין וועגן זיין ספר סביב ליראיו, ספר מגיני שלמה ויניציא תק"א עם חתימת ר' פייוויל פלויט תלמיד חתם סופר. הכתב והקבלה דפוס ראשון, **ספר מיט צוויי חתימות פון הגה"ק ר' יחזקאל מערץ**, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, קומט אריין און איבערצייגט זיך. איבער 10000 ספרים אין געשעפט, מיר ווייסן וואס מיר האבן, און אלעם איז מסודר אין א סדר. אויך האבן מיר א גרויסער אויסוואהל פון הגדה של פסח אסאך שאינם בנמצא. ספר אוצר הרבנים $150 ספר מלכות אדמור"י טשרנאביל $200, ספר לחם שמים פון יעבץ דפוס ראשון מיט 25 שיינע הגהות פון הגאון ר' מרדכי מיכאל יפה תלמיד חביב פון ר' עקיבא איגר און בע"מ תשובות מהר"ם יפה ועוד $4000

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Thursday also on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***

מען קען באקומען דעם גליון אין די קונטרס גליונות לשבת -- **http://ladaat.info/gilyonot.aspx** אדער אויף לדעת ברענגט אריין אייער גוטע ספרים פארוואס זאלט איר באצאלן פאר שֵמות, מיר קענען אפנעמען ביי אייך א גרעסערע קוואנטום